**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/09/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פלענער צו שטארקן און פארשפרייטן ניו יארק'ס אגריקוטוראלע אינדוסטרי**

***סטעיט און די סטעיט פארשלאג וועט געבן $55 מיליאן צו שטארק ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטרי***

***עפענט אן אלעס-אויף-איין-פלאץ געשעפט פאר אגריקוטוראלע ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט איניינעם מיט קארנעל אוניווערסיטעט, NYSDOL, NYS PERB, און NYS AGM***

***פארשפרייט אן אייניגע געזונטהייט צוגאנג אלס טייל פון ניו יארק'ס אגרי-עסנווארג סיסטעם***

***פארמערט יוגנטליכע אגריקולטוראלע פירערשאפט און עדיוקעישאן געלעגנהייטן***

***מאכט ניו יארק'ס בייאעקאנאמיע וואקסן און עפענט ניו יארק'ס בלויע עסנווארג טראנפארמירונג***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט אנאנסירט עטליכע גרויסע פארשלאגן צו געבן א שטופ פאר ניו יארק'ס מילכיגס און אגריקולטוראלע אינדוסטרי, ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט פראגראמען און יוגנטליכע פירערשאפט און עדיוקעישאן געלעגנהייטן אלס טייל פון די 2024 סטעיט און די סטעיט. די גאווערנער האט פארעפענטליכט פלענער פון אדורכשניידן איניציאטיוון וועלכע וועלן שטארקן די אינדוסטרי און שטיצן מער א פארלעסליכע צוקונפט פאר אונזער אגריקולטראלע, עסנווארג, און וועלדער אינדוסטריס.

"ניו יארק'ס אגריקולטוראלע אינדוסטרי איז א וויכטיגע טייל פון אונזער עקאנאמיע, אונזערע קאמיוניטיס און אונזער וועג פון לעבן," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "אלס די ערשטע גאווערנער פון אפסטעיט ניו יארק אין כמעט הונדערט יאר, ווייס איך ערשט-האנטיג ווי וויכטיג די אינדוסטרי איז. איך בין אנטשלאסן צו שטיצן די וואוקס פון אגריקולטור און עסנווארג פראדוציגרונג און איך לייג ווייטער געוויכט אויף פאליסיס און אינוועסטירונגען וועלכע העלפן ארויס אונזערע פעלד ארבעטער."

פאריגע יאר, האט גאווערנער האקול איינגעפירט עטליכע איניציאטיוון צו נישט נאר באשיצן אונזער אגרוקולטוראלע אינדוסטרי, נאר אויך עס צו העלפן וואקסן און בליען און אינעם זעלבן צייט באשיצן אונזער לאקאלע עסנווארג סיסטעם. די 2024 סטעיט און די סטעיט לייגט פאר א פלאן פאר די אינדוסטרי צו ווערן שטערקער, פעסטער, און בעסער קעגן ווייטערדיגע דראאונגען צו געזונטהייט, ענווייראנמענט, ארבעט, און עדיוקעישאן אינדוסטריס.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשערד א. באל האט געזאגט,** "ארויסהעלפן אונזערע פעלד ארבעטער און אונזער אגריקולטוראלע קאמיוניטי איז גאר וויכטיג אויף צו בויען א שטערקערע, פעסטערע צוקונפט פאר ניו יארק סטעיט. אין צייט וואס מיר רוקן זיך אריין אינעם נייעם יאר, האבן מיר

זיך ריכטיג גענומען צום ארבעט צו אנפולן די לעכער אין אונזער עסנווארג סיסטעם, באשיצן די נאטורליכע ריסאורסן וועלכע מיר פארלאזן זיך אויף, און אנטוויקלען א שטארקע דור פון צוקונפטיגע פירערס. איך וויל באדאנקען גאווערנאר האקול פאר'ן ווייטער רוקן די ארבעט, און פארשלאגן שטארקע אינציאטיוון וואס וועלכע האבן א ריכטיגע ווירקונג, און לייגן גרונדן צו איבערלאזן ניו יארק אין א בעסערע צושטאנד ווי מיר האבן עס געפונען."

**שטארקן ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטרי**

אלס טייל פון די 2024 סטעיט און די סטעיט האט גאווערנאר האקול פארגעשלאגן $34 מיליאן אין קאפיטאל פינאנצירונג איבער א שפאן פון צוויי יאר פאר טעכנאלאגיעס אויף צו האלטן רינעדיגע מילך אויפ'ן פארעם ווי אויך פאר פראצעסירונג אינפראסטרוקטור צו פארגרינגערן טראנספארטאציע פראבלעמען אין צייטן פון שווערע ווינטער וועטערן און פון פארמאכטע גאסן, וואס וועט פארבעסערן די מילכיגס סופליי טשעין שנעלקייט און פארמיידן דאס ארויסווארפן רויע מילך צוליב עמערדזשענסי פאסירונגען.

די סטעיט איז אויך אנטשלאסן צו ארויסהעלפן די פעלד ארבעטער צו פארגרינגערן די אפעקטן פון קלימאט ענדערונג און פארמינערן זייער גאז פוס אפדרוק, וואס דאס איז א וויכטיגע טייל פון סיי נוטריענט פארוואלטונג און וואסער קוואליטעט צילן. גאווערנאר האקול וועט באשטימען $21 מיליאן פאר א נייע צווייטער אויסווארף פארוואלטונג און מער פונקטליכע פיטערונג פראגראם ( Alternative Waste Management and Enhanced Precision Feed Program) וואס וועט נאכמער פארגרינגערן די אגריקולטוראלע גרינהאוס עמיסיעס, געבן געלעגנהייטן צו באזייטיגן קארבאן גאז, און דערגרייכן הילף צו נאכקומען פעלד ארבעטער פארלאנגען וועלכע זענען נאכנישט ערפולט געווארן.

גאווערנאר האקול וועט אריינשיקן וויכטיגע אינוועסטירונגען אין די מזרח פינגער לעיקס קאואליציע פון ערד און וואסער באשיצונג דיסטריקטן צו בויען פראפעסיאנאלע קאפאסיטעט און פארשנעלערן אגריקולטוראלע און שטארקקייט-פארבינדענע פראיעקטן אויף פארעמס פון אלע סארטן. דאס וועט אויך אריינרעכענען הילף פאר פעלד ארבעטער צו אינוועסטירן אין מער באשיצונג פלאנצונגען, פארבעסערן וואסער אפלויף רערן צו פארמינערן וואסער שאדן, און אנדערע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן די געזונטהייט פון די ערד און פארמינערן וואסער קוואליטעט פראבלעמען אינעם ראיאן.

**אלעס-אויף-איין-פלאץ געשעפט פאר אונזער אגריקולטוראלע ארבעטסקראפט**

אין צייט וואס אגריקולטוראלע ארבעטסגעבער און ארבעטער טרעפן זיך אין א טוישנדע ארבעטספלאץ, שלאגט גאווערנאר האקול'ס 2024 סטעיט און די סטעיט פאר א פולע פושקע פון געצייג, אריינרעכענענדיג צייטן פאר די אפיס צו נעמען פראגעס, וועבינארס אויסצוטיילן אינפארמאציע, א וועב בלאט אנצונעמען פראגעס און פארלייגן אינפארמאציע, און נאך הילפסמיטלען וואס וועלן נאך ווערן גענעפענט און אנגעפירט דורך קארנעל אוניווערסיטעט'ס אגריקולטוראלע ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט פראגראם. די דאזיגע ארבעט וועט ווערן געשטיצט דורך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט, ניו יארק סטעיט פובליק ארבעטער סערוויס באורד, און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס.

**פארשפרייטן אן איינזייטיגע געזונטהייט צוגאנג**

אן אייניגע געזונטהיט צוגאנג פון אלע צוזאמען קען אראפברענגען דראאונגען צו די מענטשן-חיות-ענווייראנמענט צוזאמטרעף דורך אקטיוויטעטן אזוויי דערשפירן און פארמיידן קראנקהייט, עסנווארג זיכערהייט עדיוקעישאן, און באקומען דאס בעסטע חיות קעיר. צו פארזיכערן אז ניו יארק בלייבט דער פירער אין קאנטראלירן קעגנדע-באפעלקערונגען פובליק און חיות געזונטהייט דראאונגען, וועט גאווערנאר האקול אריינברענגען א פעקל פון פארשידענע פראיעקטן און פראגראמען, אריינרעכענענדיג א מיטארבעטנדע חיות ארבעטסקראפט פראגראם צווישן קארנעל אוניווערסיטעט'ס קאלעדזש פון חיות

מעדיצין און SUNY קאמפוסן; אפטערע מיטארבעט מיט די ניו יארק סטעיט חיות דיאגנאסטישע לאבאטאריע עדוויזערי באורד; עפענען א חיות זיילעזיין דייווערסיע עדיוקעישאן פראגראם צו אפהאלטן זיילעזיין פון ווערן באזייטיגט פון ריכטיגע חיות באנוצן; א באשטימטע $1 מיליאן העכערונג צו שטיצן די קאסטן וואס עס נעמט צו פירן די ניו יארק צענטער פאר אגריקולטוראלע מעדיצין און געזונטהייט; ענדערונגען אין פארגיטיגונג און פרייז סטרוקטורן פאר יעצטיגע חיות געזונטהייט טעטיגע פראגראמען אויף פארעמס און עפענען א נייע חיות טעסטינג פראגראם; עפענען א גרופע GAP עסנווארג זיכערהייט סערטיפיקאציע טרענירונג פראגראם; און אנטוויקלען א קאמיוניטי גארטנס לאנד צוטריט געצייג פושקע.

**<u>פארמערן יוגנטליכע אגריקולטוראלע פירערשאפט און עדיוקעישאן געלעגנהייטן</u>**
בויענדיג אויף די 2023 סטעיט אוו די סטעיט אגריקולטוראלע ארבעטסקראפט אינציאטיוו, וועט גאווערנער האקול - אינאיינעם מיט די קארנעל אוניווערסיטעט קאלעדזש פון אגריקולטור און לעבנס סייענסעס ניו יארק אגריקולטור עדיוקעישאן און אוטריטש פראגראם - אויפשטעלן ניו יארק'ס ערשטע מיטארבעטנדע יוגנטליכע אגריקולטור פירערשאפט קאנפערענץ צו ווייטער שטיצן מיטארבעט צווישן יונגע אגריקולטוראלע ארגאניזאציעס און אידענטיפיצירן פראגמאטישע געלעגנהייטן פאר יונגע מיטארבעט מיט די אגריקולטור און עסנווארג באפעלקערונגען וועלכע שפיגלען אפ די אינדוסטרי'ס צוקונפטיגע ארבעטסקראפט געברויכן.

צו ווייטער בויען אויף די שטארקקייט פון אונזער קאונטי פעירס, וועלכע דינען אלס א גרונד פאר אגריקולטוראלע עדיוקעישאן פאר יונגע מענטשן, וועט גאווערנאר האקול אויך עפענען די קאונטי פעיר פאספארט פראגראם. די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס וועט אויסשטעלן, ארויסדרוקן, און אויסטיילן אן אגריקולטוראלע פעיר פאספארט בוך וואס וועט מוטיגן באטיילונג אינעם סטעיט'ס קאונטי און יוגנט פעירס דורך ערלויבן די וואס גייען צו פעיר צו זאמלען שטעמפלעך ביי יעדע פעיר וואס זיי באזוכן. אנערקענענדיג אז טראנספארטאציע שוועריקייטן קענען שטערן פון זיך באטייליגן ביים פעיר, וועט גאווערנאר האקול אויך אונטערנעמען אן אינציאטיוו צו ארויסהעלפן פעיר מיט ארגאניזירן רייזעס פאר קינדער.

**<u>מאכן ניו יארק'ס בייאעקאנאמיע וואקסן</u>**
גאווערנער האקול וועט אוועקשטעלן א פארגעשריטענע בייאגעקאנאמיע דעוועלאפמענט פלאן וואס וועט אויסנוצן יעצטיגע געלעגנהייטן צו אנטוויקלען בייא-פראדוצירונג אין די אגריקולטור און וועלדער אינדוסטריס. ניו יארק וועט ווייטער רוקן דאס באנוץ פון האלץ פראדוקטן און הויכע-ציפערן מאסן האלץ אויסשטעלונג אין סטעיט-באצאלטע בוי-ארבעט און אינפראסטרוקטור פראיעקטן און פארברייטערן דאס באנוץ פון מאסן האלץ אין נייע בוי-ארבעט פראיעקטן איבער גאנץ ניו יארק סטעיט מיט די קומענדיגע יוניפארם קאוד אפדעיט. גאווערנער האקול וועט אויך צושטעלן $5 מיליאן אין קאפיטאל פינאנצירונג צו פארשפרייטן דאס קאמערשעל באנוץ פון בייא-באזירטע פראדוקטן, אזוי ווי די וועלכע ווערן פראדוצירט מיט אינדוסטריעל העמפ, און אינוועסטירן $2.25 מיליאן צו ווייטער פארשטערקערן צוטריט און באנוץ פון ארייננגענומענע פארוואלטונג לייזונגען פון קליינע קריכעדיגע חיות דורך קארנעל אוניווערסיטעט'ס ארייננגענומענע קליינע קריכעדיגע חיות פארוואלטונג פראגראם. די אינוועסטירונג זוכן צו עפענען נייע מארקעט געלעגנהייטן פאר ניו יארקער פראדוקטן און באשיצן די וואוקס און פארוואלטונג פון בייא-מאסן וואס איז מעגליך אנצוהאלטן צו גענוצט ווערן פאר פראדוקטן און מאטריאלן אין אונזער בליעדיגע בייאעקאנאמיע.

**<u>עפענען א בלויע עסנווארג טראנספארמירונג</u>**
צו ווידער אויפלעבן ניו יארק'ס וואסער קולטור אינדוסטרי, וועט גאווערנאר האקול עפענען ניו יארק'ס בלויע עסנווארג טראנספארמירונג אינציאטיוו צו שטארקן וואסער אגריקולטור, פארשפרייטן א געזונטע נאטורליכע ענווייראנמענט, און געבן פאר ניו יארקער א געזונטע קוואל פון פיש פון א לאקאלע ארט. גאווערנער האקול וועט געבן $5 מיליאן אין קאפיטאל פינאנצירונג פאר פעלד ארבעטער צו אינוועסטירן

אין שיף דאקן ערטער, פראצעסירונג געצייג און אנדערע וויכטיגע אינפראסטרוקטור פאר דאס וואוקס פון זייער ביזנעס. זי פירט אויך אן די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע באשיצונג, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און נאך אגענטורן אריינגעמישט אין די פראדעצירונג און מארקעטינג פון פיש צו אפשאצן און אויסארבעטן סטעיט פאליסיס און פראגראמען וועלכע האבן א ווירקונג אויף וואסער לייסענסינג, עסנווארג זיכערהייט, און עקאנאמישע דעוועלאפמענט מאסנאמען, און באטראכטן וועג צו מאכן די אינדוסטרי וואקסן. דאס וועט אויך אריינגעמען אויסארבעטן מיט קארנעל קאאפערעיטיוו עקסטענשין צו אנטוויקלען ניו יאר'ס ערשטע אין היסטאריע פיש עסנווארג שפאציר אויף לאנג איילענד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418